# צום פינטל

גליון טז
פרשת תרומה תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### בית המקדש לקרבנות, או להשראת השכינה

#### מחלוקת רמב"ם ורמב"ן

אין די פרשה (שמות כה ח) לערנט מען די מצוה פון מאכן א מקדש, 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם' (שמות כה ח). דער רמב"ם און דער רמב"ן קריגן זיך, וואס איז די עיקר תכלית פון א 'מקדש', דער רמב"ם (ספר המצוות עשה כ) האלט אז דער עיקר תכלית איז 'הקרבת קרבנות', און דער רמב"ן (שמות כה א בתחילתו) האלט אז דער עיקר תכלית איז די מנוחה פון די שכינה, צווישן די בדי הארון אין קודש הקדשים.

די בית המקדש ווערט אנגערופן דעם אייבערשטען'ס "דירה", ווי די מדרש זאגט (בחקותי, נשא) נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים, א 'דירה' מיינט אלע מאל א פלאץ וואס איז מיוחד פאר 'פיתא ולינה', פאר עסן און שלאפן. אויך אין דער בית המקדש איז געווען אזא ענין, א ענין פון 'פיתא ולינה' כביכול, 'הקרבת הקרבנות' איז א ענין פון 'פיתא', און די מנוחה אין קודש הקדשים איז א ענין פון 'לינה', ווי די פסוק זאגט 'בין שדי ילין', צווישן די צוויי בדים פון די ארון.

דיביידע זאכן זענען די תכלית המצוה פון דער בית המקדש, לויט דער רמב"ם איז דער תכלית די 'הקרבת הקרבנות', וואס דאס איז די ענין פון 'פיתא' און אכילה. און לויט דער רמב"ן איז דער תכלית די מנוחה אין קודש הקדשים, וואס דאס איז מרמז אויף די ענין פון 'לינה'.

ס'איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז פונקט די צווי פלעצער האט מען געוויזן פאר די יידן ביים עולה רגל זיין, ווי די חז"ל זאגן (יומא נד א) "בשעה שהיו ישראל עולין לרגל, מגללין להם את הפרוכת ומראין להם את הכרובים שהיו מעורים זה בזה, ואומרים להן ראו חבתכם לפני המקום כחבת וכו'". און ענדליך צו דעם זאגן די חז"ל כלפי די 'שלחן' (וואס דאס איז שוין שייך צו די מקום הקרבנות), און די גמרא זאגט (יומא כא ע"ב) "מלמד שמגביהין אותו לעולי רגלים ואומרים להם ראו חיבתכם לפני המקום שסילוקו כסדורו שנאמר לשום לחם חום ביום הלקחו".

#### אכילה כנגד שינה

אז מ'וועט ווען מעסטן 'אכילה' אנטקעגן 'לינה', ווער פון זיי איז מער עיקר קביעות אין א 'דירה', וועט מען טרעפן אין דעם סתירות, פון איין זייט איז 'לינה' א גרעסערע קביעות, מ'שלאפט שעות אויף שעות ווערענדיג בטל אינגאנצן. אויך 'שינת עראי' איז אסור חוץ לסוכה, און 'אכילת עראי' איז מותר חוץ לסוכה, זעהט מען אז 'שינה' איז מער קביעות'דיג.

**וואס איז די עיקר תכלית פון א 'מקדש', דער רמב"ם (ספר המצוות עשה כ) האלט אז דער עיקר תכלית איז 'הקרבת קרבנות', און דער רמב"ן (שמות כה א בתחילתו) האלט אז דער עיקר תכלית איז די מנוחה פון די שכינה, צווישן די בדי הארון אין קודש הקדשים**

אבער פון דער אנדערע זייט איז 'אכילה' אסאך מער קביעות'דיג, מ'עסט צו די ליכטיגקייט פונעם טאג, מ'עסט מיט א רצון און צלילות הדעת, נישט ווי ביים שלאפן, וואס די שלאף כאפט דעם מענטש בעל כרחו (ווי די לשון חז"ל 'עד שחטפתו שינה'), וואס דאס ווייזט אז 'עסן' איז אסאך מער קביעות'דיג ווי שלאפן.

אויך זעהט מען אין הלכות סוכה (תרל"ט ס"ח) אז מ'פירט זיך נישט צו מאכן א 'לישב בסוכה' נאר אויף אכילה, און נישט אויף שינה, וואס דאס ווייזט אז 'אכילה' איז מער עיקר. אויך אין רשב"א שטייט אז דער עיקר קביעות אין א דירה איז די אכילה דוקא ["שאין עיקר דירה אלא במקום פיתא שאוכל שם תדיר, ואע"פ ששוכב במקום אחר, כדשנינו - עירובין עג ע"א - לענין עירוב". און באמת איז דאס שוין א אלטע מחלוקת ביי עירובין צווישן רב און שמואל, רב האלט אז די 'מקום פיתא' איז דער עיקר, און שמואל האלט אז די מקום לינה, און אלע פוסקים אין או"ח סי' ש"ע פסק'נען ווי רב אז די מקום פיתא איז דער עיקר].

על כל פנים דאס זענען די צדדים ביי א 'דירה' גשמי, צו 'פיתא' איז דער קובע, אדער 'לינה' איז דער קובע. און דאס איז דער ענין אויך דא ביי די מחלוקת רמב"ם און רמב"ן, כלפי די בית המקדש, די 'דירה בתחתונים' כביכול, צו דער 'מקום אכילה' איז דארטן דער עיקר, דאס הייסט די הקרבת הקרבנות, אדער דער מקום מנוחה אין השראת השכינה, די 'לינה', דאס איז דער עיקר.

#### עשו דיר לרועה

אין מדרש די וואך (שמות רבה פרשה לד פסקה ג) שטייט דריי הגדרות אויף דער 'משכן', דיר, סוכה, בית, "עשו דיר לרועה שיבא וירעה אתכם וכו', עשו סוכה לשומר שישמור אתכם וכו', עשו בית לאב שיבא וישרה אצל בניו וכו'. און פיל קדמונים (שלה"ק תורה אור תרומה ז, עקידה שער נ, דרשות מהרי"ט יתרו דרוש שני, שפתי כהן שמות כה ח) זענען מאריך אין די דריי דרגות, דיר, סוכה, און בית.

א 'דיר' פון א פאסטאך איז מטולטול ממקום למקום, ס'איז די שוואכסטע דרגא, ס'איז נאר געמאכט פארן פאסטעך פאר א טאג צוויי, א 'סוכה' איז מער קבוע, ס'איז געמאכט פארן שומר אויפן פעלד פאר א משך תקופה פון א זומער וכדומה, און א 'בית' איז קבוע אינגאנצן.

און אזוי זענען די עקידה און דער שפתי כהן מבאר די דריי דרגות, אז דאס איז דריי דרגות אין קביעות, אין די 'מדבר' וואס די יידן זענען געווען מטולטלים, דאן איז דער משכן צוגעגליכן געווארן צו א 'דיר' פון שאף, אין ארץ ישראל וואס זיי זענען שוין געווען אביסל מער קבוע, זענען זיי צוגעגליכן געווארן צו א 'סוכה', וואס איז שוין אביסל מער קבוע, און ווען דער בית המקדש איז אויף געבויט געווארן, זענען זיי צוגעגליכן צו קינדער ביים טאטנס טיש, זייענדיג קבוע אינגאנצן. (ודע דג' דרגות אלו נעשו כולם ל'פיתא ולינה', והג' דרגות הם בהפיתא ולינה גופא, בדרגות הקביעות שבהם, והבן).

### די אפנקייט ביים טאנצן

א חתונה איז רקודין און מחולות, מ'טאנצט און מ'זינגט, סאיז א מצב פון שמחה, אז ס'טאנצט זיך (עי' בפוסקים אין די הלכות פון די ניין טעג, אז דאס איז די נקודה פון א חתונה, 'ריקודין און מחולות').

די געשמאק פון טאנצן און זינגען, איז דער אפנקייט וואס די נפש עפענט זיך, ער טאנצט מיט א אפנקייט און ברייטקייט מיט אנדערע, ער ווערט אפן מיט זיי פנים אל פנים. געוויסע טאנצן מער איינגעהאלטן, אנדערע טאנצן מער ברייט, אבער בכל אופן איז עס א אפנקייט אינעם נפש, טאנצענדיג מיט יעדעם צוזאמען, אדער מיט איינעם פריוואט.

שטייט אין פסוק 'אז תשמח בתולה במחול, ובחורים וזקנים יחדיו', אזוי געוונטליך גייען נישט די בחורים מיט די זקנים און איין טאנץ, די בחורים הייבן זיך שטארק, און די זקנים טאנצן מער פשוט, און יעדער האלט זיך פאר זיך. אבער לעתיד וועט זיך די זאך עפענען, די בחורים וועלן זיך עפענען צו די זקנים, און די זקנים צו די בחורים, און אזוי וועלן זיין טאנצן צוזאמען מיט איין 'הרמוניא' פארן אייבערשטן.

יעדער מענטש האט זיך זיין וועג פון טאנצן, איינער טאנצט גאר לעבעדיג, און דער צווייטער טאנצט רואיג און געלאסן, דארף מען זיך פארגלייכן, ער דארף אביסל אראפ קומען, און ער דארף זיך אביסל הייבן. איינער טאנצט מער מיט אפנקייט, און דער צווייטער מער צוריקגעצויגען, און מ'פארגלייכט זיך ערגעץ ווי אינדערמיט.

אזוי אויך דער וואס פירט אן מיט די טאנצן אינדערמיט, מוז זיין באלאנסירט מיט די עולם, כעין ווי ס'שטייט אין שלחן ערוך אז א 'בעל תפילה' זאל באלאנסירן זיין קול, פארגלייכנ'דיג זיך מיט'ן עולם.

### א העכערקייט ביים טאנצן

א גוי ביים טאנצן און זינגן ווערט אריינגעשלעפט און 'הוללות', די אפנקייט שלעפט אים אריין דארט, אבער א יוד נעמט די אפנקייט מיט א יראת שמים, זיין זינגען איז א שבח והודאה על כל הטוב, ס'דערוועקט זיך אין אים די שירת הלוויים, די שירת הנביאים, ס'צינד אן א התעוררות צו 'רוח הקודש' ווי ביי שמחת בית השואבה, דער יוד איז זיך כולל מיט זיין זינגען אין די גרעסטע זאכן, אזש ביז די 'שירה' פון משה רבינו 'אז ישיר משה ובני ישראל'.

און אין זיין טאנץ ווערט א יוד אפן צו דערהערן היכע ענינים, ער הערט די 'מחול לצדיקים' לעתיד לבוא, ווי מ'וועט זוכה זיין זיך צו עפענען טאנצנ'דיג פארן אייבערשטען, און בפרט א חסידישע יוד, וואס שמחה מיט'ן אייבירשטן איז זיין חיות, דערהערט דאס ביי א חתונה אסאך שטערקער.

אזוי א יוד וואס זיצט און לערנט איז געוועגטליך מער איינגעהאלטן, אבער ווען ס'קומט צו טאנצן אויף חתונות זעהט מען א פלא'דיגע זאך, ווי די גרויסע תנאים ואמוראים האבן זיך געפענט צו טאנצן, ממש ווי פשוטע מענטשן, ווי די גמרא דערציילט די אלע אינערסאנטע טענץ פון די הייליגע תנאים ואמוראים. ענדליך ווי ס'שטייט ביי דוד המלך אז ער געטאנצן לפני הארון 'כאחד מן הריקים', אלץ פארן כבוד פונעם אייבערשטען, די זעלבע זאך האבן די תנאים ואמוראים זיך געעפענט צו טאנצן ביי חתונות ממש ווי פשוטע יידן.

א יוד וואס זיצט און לערנט האט א אפנקייט דורעך די חכמת התורה, און ס'פעלט זיך אים נישט אזוי אויס די אפנקייט מיט מענטשן, אזוי אויך לעניננו פעלט זיך אים נישט אויס אזוי די אפנקייט ביים טאנצן. אבער פון דעסטוועגן האט מען געזען ביי די גדולים און אלע דורות, בפרט ביי די חסידישע צדיקים, ווי זיי האבן אריינגעלייגט מורא'דיגע כוחות אין טאנצן לפני הכלה, עפענענדיג דערביי ענינים און היכע רמזים אין די תורה הקדושה.

> די געשמאק פון טאנצן און זינגען, איז דער אפנקייט וואס די נפש עפענט זיך, ער טאנצט מיט א אפנקייט און ברייטקייט מיט אנדערע, ער ווערט אפן

### מחול – א רינג

סאיז דא פילע סארטן טענץ, פון יעדע סארט טאנץ קען מען עפעס דערהערן, אזא טאנץ און אזא טאנץ, אזא דריי און אזא דריי, דער פשוטער טאנץ ווערט אנגערופן א 'מחול', מ'טאנצט ארום און ארום אין א 'עיגול', א 'עיגול' איז מרמז אז אלע זענען גלייך, יעדער דרייט זיך ארום און ארום אויפן זעלבן אופן.

א 'ריבוע' איז פארקערט ווי א 'עיגול', א 'ריבוע' שטארט ארויס, ס'שטארט ארויס ביי די עקן, ביי די קצוות, אבער א 'עיגול' איז איבעראל גלייך, אלע זענען די זעלבע נאנט צום פינטל אינדערמיט. און ווען דער חתן טאנצט אינדערמיט זענען אלע די זעלבע נאנט צום אים פון אלע זייטן, ער איז דער מיטן פונקט, און אלע אינעם 'מחול' נעמען אים ארום שוה בשוה.

בעצם אלע אופנים פון טענץ (זעה ווייטער בפרטות), אלע האבן די דאזיגע ענין פון כח ה'עיגול', די כח פון 'דרייען', זייער שיינקייט קומט ארויס דורעך די כח פון דרייען.

### ריקודין – טענץ

נאכדעם איז דא 'ריקודין', 'ריקודין' מיינט פשוט 'טאנצן', א פיס ארויף א פיס אראפ, א פיס אראפ, דאס איז ריקודין. א מענטש קען זיך נישט האלטן אין די לופטן, די ערד שלעפט אראפ, אבער מיט די כח פון באלאנס קען ער זיך האלטן פאר עטליכע סקונדעס מיט איין פיס ארויף.

און דאס איז מרמז, אז מענטש מוז טאקע האבן גשמיות, אבער מיט די כח הבחירה קען ער זיך האלטן אביסל אינדערהייך, א פיס ארויף א פיס אראפ, אביסל גשמיות און אביסל רוחניות. (צומאל ביים ריקוד קען מען זיין פאר א סקונדע אינגאנצן אין די לופטן, ווייל ווען ער שטיפט ארויף לאמיר זאגען די רעכטע פיס, איז איידער די לינקע פיס קומט אראפ, איז מען אין די לופטן פאר א סקונדע).

'זיפין מעל' ווערט אנגערופן 'מרקד', דאס קומט בשורש פון די לשון 'ריקודין', ווייל ווען מ'זיפט מעל דרייט מען דעם 'זיפל' ארויף און אראפ, די רעכטע זייט פונעם 'זיפל' גייט ארויף, אין דער לינקע זייט אראפ, און דערנאך פארקערט, אזוי גייט עס א גאנצע צייט אהין און צוריק, און ס'קוקט אויס ווי די 'זיפל' כאפט א ריקוד.

### קפיצה ודילוג – דזשאמפען און שפרינגען

נאכדעם איז דא 'קפיצה', 'דזשאמפען', מ'געט זיך א שטיפ ארויף מיט בײדע פיס, וואס אויף אזא וועג קען מען זיך עקסטער שטארק דערהייבן, כעין ווי די קינדער דזשאמפען אויפן טרעמפעלין, וואס היות מ'געט זיך א שטארקע שטיפ ארויף מיט בײדע פיס, קען מען אנקומען היפש הויעך. און ס'איז דא וואס א גאנצע רינג צוזאמען מאכט דאס, ס'איז א 'מחול' צוזאמען מיט א קפיצה, די גאנצע מחול צוזאמען כאפט א קפיצה'לע, אלע 'דזשאמפען' צוזאמען ארויף.

נאכדעם איז דא 'דילוג', א 'שפרינג', ווי די פסוק זאגט 'מדלג על ההרים', אויך אין חז"ל טרעפט מען כלפי שבת, אז שבת טאר מען נישט 'מדלג' זיין, און כנראה אז ווען מ'טאנצט לעבעדיג 'הורה',

איז דא אין דעם אביסל אזא 'דילוג', אזא שפרינג אויף פאראויס.

די כלל פון זיי אלע, אלע דארפן האבן דעם קרקע עולם, ס'איז נישט דא אזא זאך טאנצן אין די לופטן, נאר אויף יעדער אופן פראבירט מען די בעסטע זיך צו דערהייבן. און דאס איז מרמז אויף עבודת ה', אז מ'מוז טאקע א גאנצע צייט האבן אויך גשמיות, מ'קען זיין נישט זיין אין די לופטן, אבער מ'דארף ניצען אלע סארטן וועגען זיך צו דערהייבן, אביסל אויף אזא וועג, אדער אויף אזא וועג, מחול, דילוג, קפיצה, אויף יעדער סארט וועג וואס איז נאר שייך, פראבירט מען זיך צו דערהייבן אביסל.

### דער רבי ר' אלימלך'ס טאנץ - האפקאזאק

ס'איז באקאנט דער הייליגער ר' אלימלך'ס טאנץ, פיר זוגות מענטשן שטעלן זיך אויס, און זיי טאנצן אראפ און ארויף, אראפ און ארויף, איינער אונטערן צווייטן, איינער איבערן צווייטן, וואס דאס מאכט אזא 'תערובות' צווישן זיי, אז ס'קוקט אויס ווי איינער פלעכט זיך אריין אינעם צווייטן.

נאך דעם איז דא די 'האפ קאזאק' טאנץ, וואס ווערט נתייחס צו ר' משה לייב סאסעווער, האפקאזאק מיינט 'האפקענען', און דאס לכאורה עטוואס ענדליך צו וואס מ'רופט היינט 'קאדאטשקע'. און ס'איז באקאנט די מעשה מיט'ן פריץ וואס האט געהייסן זיין מאשקע טאנצען פאר אים 'האפקאזאק', און ר' משה לייב האט געטאנצען אנשטאט אים, און ער האט עס גאר גוט גע'יכול'ט על פי וואס ער האט זיך געלערנט פון אליהו הנביא.

די באקאנטע ניגון דערויף 'האפקאזאק טשירי בירי בם', פאנגט זיך אן עטוואס שטאטלעך, דערנאך גייט עס שנעלער און שנעלער, און די זעלבע מיט די 'קאדאטשקע' דערביי, אנפאנג איז עס שטייט, דערנאך דארף מען קענען טאנצן שנעלער און שנעלער. די עצם 'קאדאטשקע' איז נישט ר' משה לייב'ס א חידוש, אבער ס'איז באקאנט די שיינקייט מיט וואס דער צדיק האט עס אויסגעשפילט.

און יעצט כלפי די עצם טאנץ פון 'קאדאטשקע', קאדאטשקע איז א ברייטע נושא פאר זיך, די אלע סארטן וועגן וואס זענען פארהאנען אין 'קאדאטשקע', דרייענדיג די הענט, די פיס, די גוף, די קאפ, אלע אנדערע אברים, מ'דרייעט און מ'דרייעט אויף אלע סארטן קינצעלדיגע אופנים, צוזאמברענגעדיג אינאיינעם אלע סארטן תנועות.

### ברוגז טאנץ

אויך איז פארהאן א טאנץ וואס רופט זיך 'ברוגז טאנץ', למשל צוויי מחותנים, אדער סתם צוויי יידן, שטעלן אן א פנים פון ברוגז, מיט אלע סארטן קולות און תנועות משונות בייזערענדיג זיך איינער אויפן צווייטן, און ערגעץ ווי געט מען עס א דריי איבער אויף שלום.

בכלל דארף מען וויסן אז טענץ קומט גאר שטארק ארויס ווען ס'פילט זיך די פארקערטע, אזוי ווי ביי זינגען גייט מען אראפ א טאן און ארויף א טאן, און מ'מוז האבן די טאן אראפ, כדי צו קענען געשמאק ארויף פארן, און בשעת'ן ארויף פארן פילט מען אין די בעג פונעם קאפ, ווי מ'איז פריער געווען אראפ, וואס דאס געט די געשמאק אויף ארויף.

די זעלבע זאך ביים טאנצן גייט מען ארויף און אראפ לויט די טאן, און אזוי אויך ווען מ'מאכט א ברוגז טאנץ, מ'ווייזט כאילו מ'רעגט זיך מורא'דיג אויף, מ"טענ'ט זיך אויף די נדן וכדומה, 'ליכא כתובה דלא רמי ביה תיגרא', און נאכדעם געט מען פלוצלינג א דריי איבער די גאנצע ברוגז אויף שלום, מ'בעט זיך איבער און מ'טאנצט געשמאק, דאן קומט די שלום טאנץ ארויס מורא'דיג טיף, וויבאלד מ'פילט אונטער דעם די הרגש פונעם ברוגז פון פריער.

און ס'דא וואס שטעלן זיך טאקע אפ אינמיטן טאנצן, און מ'מאכט א געשמאקע 'שבת אחים', מיט ווארימע ניגונים, און דערנאך קומט אסאך שטערקער ארויס די לעבעדיגע ניגונים. און ס'דא וואס מאכן אזא 'שבת אחים טאנץ' אויף דער ערד, ווי יעדער זעצט זיך אראפ על הקרקע, זינגענדיג א שטייטע 'שבת אחים' ניגון, און דערנאך געט מען א שפרינג אויף טאנצענדיג גאר לעבעדיג. וואס דאס איז אלץ די ענין פון שטארק אראפ קומען, נאכדעם געט מען עס א דריי איבער אויף ארויף.

ביי 'קאדאטשקע' איז אויך אזוי, ווי מער מ'גייט אראפ, קען מען זיך בעסער אויפהייבן, מ'טאנצט קאדאטשקע אויף אלע וועגן, מ'איז מאחד אלע זייטן צוזאמען, און בעיקר אז מ'גייט כסדר אראפ, און דערנאך ווען מ'הייבט זיך צוריק, ברענגט'סטו מיט מיט דיר די נידריגערע דרגא.

און באמת בכלל ביים טאנצען, איז גוט נישט צו זוכן זיך אויפהייבן שטארק, זוך נישט זיך ארויף צושלעפן, אדרבא זיך אראפ צו גיין, און אטעמאטיש וועסטו זיך שוין אופהייבן. מ'גייט אראפ, און פון זיך אליינס דזשאמפט עס צוריק ארויף, כעין ווי א ספרינג וואס מ'קוועטש אראפ, און פון זיך אליינס געט עס א שפרינג צוריק. און דענסמאל אז מ'טאנצט אויף אזא וועג האט מען אסאך מער כח, און אפילו עלטערע מענטשן וואלטן געקענט מיט האלטן מיטן טאנצן, ווייל דאס וואס עלטערע מענטשן האבן נישט קיין כח צו טאנצן, דאס איז ווייל מ'מיינט אז מ'דארף ארויף טאנצן, און צו דאס האבן זיי נישט קיין כח.

> **מיט זיי פנים אל פנים. געוויסע טאנצן מער איינגעהאלטן, אנדערע טאנצן מער ברייט, אבער בכל אופן איז עס א אפנקייט אינעם נפש**

בחורים זענען צוגעוואוינט אז אויב למשל מ'איז הויעך פינעף פיס, דארף מען ארויף טאנצען א זעקסטע פיס, וואס דאס איז זייער א שווערע זאך, אבער אויב מ'גייט אראפ א פיס, מ'בייגט איין די קני אנצוקומען לדוגמא צו פיר פיס, דאן איז אויטאמטיש וועט מען נאכדעם צוריק קומען צו די נארמאלע הייך. און ס'קומט אויס אז מען קען בלייבן מיושב על הקרקע, און פון די אנדערע זייט זיין לעבעדיג.

### תחיית המתים טאנץ

אמאליגע צייטן פלעגט זיין אזא טאנץ, וואס האט זיך גערופן 'א תחיית המתים טאנץ', ס'איז לכאורה נתבטל געווארן ווייל ס'איז צו שרעקעדיג. אינמיטן טאנצען פיילט איינער 'כאילו' צוזאם, ער מאכט זיך כאילו ער איז ווייס ווי קאלך מיט א אפענע מויל וכו', אויסקוקענדיג ווי א בר מינן, און מ'נעמט זיך ארבעטן איבער אים אזוי ווי מ'וואלט געארבעט אויף א מת, מ'מאכט אים צו די פיס, און ער עפענט די הענט וכו', ער שפילט מת'דיג, און ערגעץ ווי געט ער א שפרינג אויף, און מ'נעמט זיך טאנצן לעבעדיג (ס'איז ענדליך צו 'קאליאר' אין די קעמפס אין די זומער).

דאס האט אויך די זעלבע געדאנק ווי פריער, אז דייקא די אראפ גיין, אז מ'גייט אראפ ביז מיתה, איז ווען מ'טאנצט שפירט מען וואס דאס הייסט חיים, מען טאנצט מיט די לעבן אליין. א מענטש טראכט אלע מאל, פארוואס פארוועץ און פארווי טאנץ איך, איז אויב די גייסט אראפ צו די הרגש המיתה, דאן פרעגט

ער שוין נישט, ווייל וואס הייסט 'איך טאנץ דאך מיט מיין חיים', מיט מיין אייגענע לעבן.

## א קאולא – זיך איבער קולערן

דערנאך איז דא וואס הייסט א 'קאלע', מ'קולערט זיך, און חב"ד איז באקאנט די קאלעס, אסאך צדיקים פלעגען מאכן קאלעס, און ענדליך צו דעם איז וואס מ'רופט היינט 'א העדסטענט', וואס דאס איז מרמז אויף 'תחתונים למעלה ועליונים למטה', מ'קען עס נישט מאכן פאר צו לאנג, אבער אפילו פאר עטליכע סקונדעס האט עס די אינטערעסאנקייט און די קאמישקייט, פילנדיג יה! אלעס איז פארקערט פון וואס איך מיין, אלעס איז 'תחתונים למעלה ועליונים למטה'.

ס'איז דא א טאנץ וואס מ'טאנצט אזוי שיף, ווי די צורה פון א משולש, ס'איז דא וואס רופן עס 'א שערעלע טאנץ', ענדליך צו א אפענע שערל וואס איז זייער שיף, און דאס איז מרמז אויף די דריי מידות, חסד גבורה תפארת, און די צורה פון א סגול וכדומה.

אויך איז דא די באקאנטע 'טשאטשא טריין' טאנץ, איינער פירט עס אן און אלע שלענגלען זיך נאך אים, אזוי ווי ביי א טרעין וואס אלע פארלאזן זיך אויפן 'קלימאטאוו' פון אנפאנג וואס שלעפט אלע וואגאנען, אלע וואגאנען זענען זיך משלשל און שלענגלען זיך נאך אים, אזוי אויך ביי די דאזיגע טאנץ גייען אלע נאך נאכן פירער.

## קירוב וריחוק

טאנצען איז א אפנקייט צווישן די מענטשן, מ'עפענט זיך און מ'פארמאכט זיך, אביסל טאנצט מען מיט א ברייטקייט, מיט די הענט אינדערהייך, מ'קוקט זיך אן איינער דעם אנדערען וכו', די שמחה איז ממש דא למטה און פארנט פון די אויגן. און אביסל איז מען זיך מצמצם, מער מיט צוגעמאכט אויגן, און די שמחה איז מער למעלה, אין קאפ.

ס'איז דא א טאנץ, פון א שורה מענטשן אויף מזרח, און א שורה אויף מערב, און מ'קומט זיך צוזאם אינדערמיט, און דערנאך דערווייטערט מען זיך, און אודך קומט מען זיך צוזאם, אזוי אהין אין צוריק, און ס'שפירט זיך ווי די ריחוק איז נאר צו קענען צוריק קומען זיך דערנענטערן. די זעלבע איז אויך דא מיט א 'מחול', א גאנצע רינג מענטשן נעם זיך צוזאם אינדערמיט, און דערנאך דערווייטערט מען זיך צוריק, און אזוי אהין און צוריק, וואס די גאנצע ריחוק איז לשם קירוב.

ביים טאנצען איז דא א קשר פרטי מיט די מענטש מיט וועם מ'טאנצט, און ס'איז דא א קשר כללי מיט אלע מענטשן צוזאמען, און פארשטייט זיך אז ווי שטערקער און לעבעדיגער ס'איז די קשר כללי, אלץ שטערקער און לעבעדיגער וועט זיין יעדער קשר פרטי פאר זיך. כדי אויפצולעבן די גאנצע עולם צוזאמען דארף מען האבן א מענטש וואס איז אלעמען מאחד, און דאס איז צומאל די חתן און די מחותנים, אדער קען עס אמאל זיין די זינגער אדער שפילער, וואס די וועג ווי אזוי ער זינגט, ברענגט צוזאם דעם עולם אינאיינעם. (און צומאל קען דאס גיין דורעך א דזשאקער א קינצלער וכדומה).

ער איז מאחד אלעמען, ער בלענד צוזאם די גאנצע זאל צו שמחה, און אויטאמאטיש הייבט זיך אלעס, ער באקומט די גאנצע עולם צו זיך און אז ער הייבט זיך, הייבט זיך אלעס.

## א חבד'צקער ביט

יעדער קהילה האט זיך זיין וועג פון טאנצן, יעדער קהילה האט זיך זיין 'ביט', א ליובאוויטשער 'ביט', א קארלינער 'ביט', יעדער קהילה האט זיך זיינס. ס'איז דא די מירונער טאנץ, וואס האט זיך זיין אייגענארטיגע טעם, זיין אייגענע 'ביט' (אגב: די מירונער טאנץ איז אזא לעבעדיגע טאנץ, געמישט אבער מיט א מורא'דיגע ווארימקייט).

און באמת יעדער מענטש האט זיך זיין אייגענער ביט פון טאנצן, איינער בעסער איינער שוואכער, א 'ביט' איז א טיפער זאך אינעם נפש, די נפש האלט בעצם אן צו א ביט א גאנצע טאג, ווען ער ליינט, ווען ער לערנט, ביי אלעס האט דער מענטש א ביט, און איינער מיט גאר א גוטע ביט, האט א בעסערע כוח צו טאנצן. און יעדער קהילה האט זיך זיין ביט ווי אזוי מ'טאנצט דארט, און פאר א מענטש פון א צווייטע קהילה וועט זיין שווער עטוואס מיט צוהאלטן יענעם'ס ביט.

## זיך אויפלעבן צוביסלעך

א יוד האט אמאל געזאגט א גוטע עצה אין טאנצן, אז די פיס איז טאקע שווער אויפצוהייבן, אבער די הענט איז דאך א לייכטע זאך אויפצוהייבן, איז ווי מער מ'קען זיך אויפלעבן מיט 'תנועת הידים', א דריי מיט די הענט, א דריי מיט די קאפ, מיט די גוף, איז דאס אסאך בעסער און גרינגער. און דערנאך, ווען מ'איז שוין גוט אויפגעלעבט, יעצט הייבט זיך שוין די פיס אסאך גרינגער. א מענטש האט ליב 'שלימות', איז ווען ער טאנצט וויל ער זיך גלייך זיין ביים העכסטן דרגא, אבער באמת דארף עס גיין צוביסלעך.

א אינטערסאנטע זאך האב איך געזעהן, ס'איז באקאנט אז יעדער חיה האט זיך זיין ספיד, א פערד לויפט כך וכך מייל פער אייער, א הערש כך וכך, און אזוי ווייטער. איז דא א חיה וואס הייסט א 'טשירא', ענדליך צו א לעמפערט, וואס קען לויפן שנעלער פון אלע חיות, ער לויפט 75 מייל פער שעה, דאס איז איין חידוש פון אים. נאך א גרעסערע חידוש, אז די 'טשירא' קען ארויף ספידן צו די דאזיגע נאמבערס אין א פאר סקונדעס, געוועגנדליך דארף יעדע חיה האבן צייט ארויף צו ספידן צו זיין דרגא, אבער ער קען עס מאכן אין אפאר סקונדעס.

א מענטש בדרך כלל קען אויך נישט אויף איינמאל, ווי ס'איז באקאנט ביי עקסעסייז אז מ'דארף גיין צוביסלעך, קודם מאכן מען 'יארמאפס', און צוביסלעך מאכט מען שטערקער און שטערקער. אזוי אויך ביים טאנצן איז גוט אריין צוקומען צוביסלעך, זיך אויפלעבן מיט פארשידענע תנועות, און דערנאך נעמט מען זיך טאנצן פעסט.

אויך איז גוט אויב מ'קען זיך אפשטעלן דא דארטן, מאכן א הפסק מיט עפעס א אינטערעסאנטע זאך, ווי אינטערסאנטע דברי תורה, גאראמען, ווערטלעך, עפעס וואס געט פרישקייט און חיות, אזוי ווערט מען פיל מיט בענזין, און דערנאך קען מען זיך גוט אנצינדן, צו טאנצן לעבעדיג און געשמאק פארן אייבערשטן.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516

עימוד: י.ב. 972-52-763-3424+